ISBN:0-657-05660-X

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05660

MAYNE LIEDER

David Einhorn

Permanent preservation of this book was made possible
by Gail R. Ludvigson
In memory of Ida B. Rosenberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Lief D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

H Rosenblatt
1144 N. Eastman
Los Angeles City

דוד איינהארן.

מיינע ליעדער

„ווילנער פערלאַג" פון ב. א. קלעצקין.

ווילנא — תרע"ב.

* * *

מיין ליעד איז געפֿאַנגען אין ריטם פֿון טרויריגע שטילע געזאַנגען,
עס סוד׳ען די ווערטער, ווי בּלעטער וואָס װעלקען און פֿאַלען פֿון בּוים;
עס ציהען זיך פֿערזען נאָך פֿערזען, ווי בּייטען מיט שפּעטיגע זאַנגען
פֿון אונטער אַ הימעל אַ גרויען, וואָס זיפֿט מיט אַ רעגעלע קוים...

אַזוי ווי אַ מחנה יתומים, וואָס בּלאָנדזען אָהן טאַטען אָהן מאַמען, —
אַזוי זוכֿען אום מיינע ליעדער אַ זועלע, וואָס זאָל זיי פֿערשטעהן.
און שטיל אין דער וועלט, מיט דער עלענדער, איינזאַמער שכינה צוזאַמען,
בּעקלאָגען זיי פֿאַר זיך דעם חרבן און זוכֿען אַ טרייסט אין געוויין.

פֿערוואָגעלט אַייך, ליעדער, פֿערוואָגעלט! געפֿינט זיך אַ שוהל אַ פֿערלאָזטע,
וואו ס׳דאַוונען די פֿויגעלעך שחרית און מעריבֿ דער נאַכֿטיגער ווינד.
פֿערוואָגעלט אַייך! טאָמער געפֿינט זיך נאָך דאָרטען אַ װיג אַ פֿערשטויערטע
און ס׳מורמעלט נאָך „טאַטע“ און „מאַמע“ אויף אידיש אַ יודישעס קינד.

מיר וועלען פערבלייבען אין שוהל,

מיר וועלען פֿערבלײַבען אין שוהל,

ביז די טריט פֿון דעם לעצטען אין ווייט וועט פֿערשווינדען,
און ס'וועט דעם נר תמיד פֿערלעשען דער ווינד,
דאַן וועלען מיר ווידער זײַן ליכטעל אָנצינדען.
מיין קינד!
עס טאָר זיך נישט לעשען,
מען טאָר נישט פֿערגעסען,
צו שטעלען אַ יאָהרצייט דער שכינה פֿון כּלל.

מיר וועלען פֿערבלייבען אין שוהל...

און שחרית, און מנחה, און מעריב פֿאַר אַלע
דאַן וועלען מיר דאַוונען און בעטען אַליין...
און ווען עס וועט קומען פֿון שבת די כּלה,
דאַן זאָלסטו פֿערמיידען געוויין.
מיין קינד!
מען טאָר נישט בּעטריבּען,
זי איז אונז געבּליעבּען
דער איינציגער פֿריינד פֿון אַ מאָל,.

מיר וועלען פֿערבּלייבּען אין שוהל...

די שוהל דאַרף קיין עולם פֿון טויזענדער מענשען:
פֿון אייבּיג אָן היטען יחידים איהר פּראַכֿט.
זי וועט, ווי אַ מאַמע, אונז טוליען און בּענשען,
בּיז וואַנען ס'וועט קומען די אייבּיגע נאַכֿט.
מיין קינד!
נאָך אונז וועלען זינגען די פֿויגעלעך שירה,
דער נאַכֿט-ווינד, ער וועט אונז בּעוויינען אין חצות.
פֿאַרנאַכֿט, אין דעם שיין פֿון די פּורפּורנע שטראַהלען,
וועט סוד'ען שטיל נעילה אַ טרוקענע גראָז....

מיר וועלען פֿערבּלייבּען אין שוהל...

געשטאָרבען דער לעצטער בעל תּפילה.

געשטאָרבען דער לעצטער בעל תּפילה.
פֿערשלאָסען שטעהט איינזאַם די שוהל.
די פֿענסטער פֿערשלאָגען — און שאָטענס
פֿאַרשעמטע זיי מאַכען זי פֿול...

עס ליעגט ווי אַ אייביגער טרויער
אַריבער די נאַקעטע וועגד
און אונטער דער קרוין פֿון כּהונה
פֿאַרבראָכענע רוהען צוויי הענד...

געשטאָרבען דער לעצטער בעל תּפילה,
נישטאָ ווער צום עמוד זאָל גיעהן;
עס לעשט זיך און צאַנקט דער נר תמיד
ביי זיך, אין זיין ווינקעל אַליין.

און שטיל אויף די טרעפּלעך פון אָרון
די שכינה אַנ׳עלענדע שטעהט;
איהר קאָפּ איז געבויגען אין טרויער
און שוואַרץ, ווי די נאַכט איז איהר קלייד

און ס׳דוכט, איהרע ליפּען זיי מורמלען
אַ שטילעס, אַ לעצטעס געבעט, —
און ס׳הערט זיך אַ שטים פון פּרכת:
צו שפּעט, מיין געטרייע, צו שפּעט!...

וואו זאָל איך בעטען.

וואו זאָל איך בעטען?
ביי וועמען, ביי וועמען?
ווער וועט מיר מיין איינזאַמע תּפילה פֿערנעהמען?
דער איינציג׳ער בלייבט מיר דער אַלטער פּרוֹכת,
דער אַלטער, פֿערשטויבטער,
ביי איהם אין די פֿאַלבען
פֿערבאָרגען מיין פּנים וועל איך און אָהן כּחוֹת
אַיינדרעמלען.
און זאָל אין מיין חלום דער זיידע מיך זאַלבען
פֿון כּוס, וואו עס רוהען די אייביגע טרערען;

דערבײַ זאָל בײַ יעטוועדער שטענדער אַ שאָטען
פֿון קדוש השם בײַ אַ ליכט שטעהן געבױגען.
אַ ציטער פֿון פֿלעמלעך
און אױגען פֿול גלױבען,
צו מיר, צו דעם עלענדען, זאָלען זיך הױבען;
און שטיל מיר פֿערטרױען די הײליגע סודות
און זײַן פֿון מײַן תּפֿילה די אײנציגע עדות.
ווער וױיס?
אפֿשר וועט זי שױן זײַן גאָר די לעצטע
און קלאַפּען די לעצטע אין הימעלישען טױער,
וואָס וועט זיך נאָך איהר שױן אױף אײביג פֿערמאַכען,
אַזױ ווי די טהיר פֿונ'ם אַלטען בית מדרש,
אַזױ ווי דער סידור, וואָס ליעגט אױפֿ'ן עמוד,
אַזױ ווי דער אָרון, וואו ס'רוהען די ספֿרים,
אַזױ ווי אין האַרצען בײַ מיר איז דער טרױער.

ווען דו וועסט אַוועקגעהן.

ווען דו וועסט אַוועקגעהן — תּהלים וועל איך זאָגען.
פֿאַר דעם אַלטען ספֿר וועל איך זיך בּעקלאָגען.
דאָרטען, וואו אַזוי פֿיעל טרערען שטילע פֿאַלען,
איינזאַם וועט מיין טרער איהר ווינקעל אויך געפֿינען.

דאָרטען האָב איך קבֿרים, טייערע, געליעבּטע.
עס קוקען שטיל מיין מאַמעס אויגען די בּעטריעבּטע.
און פֿון יעדער שורה פֿליסט צו מיר איהר תּפֿילה,
פֿול מיט טרייע ליעבּע, ווי אַ טרייסט אַ שטילע.

און פֿאַרנאַכט, אין שעה פֿון ווייכען מילדען קימער, —
צושליסען וועל איך דאָס טהיר ביי מיר אין צימער;
אויפֿמאַכען דעם ספֿר. און מיט זיין אַלטען ניגון
וועל איך אין מיין זעל דעם טיעפֿען צער פֿערוויגען.

און אין חלום וועט מיין טרוים־געליעבטע קומען,
נישט אין ווילדע טענץ, פֿערציערט מיט בונטע בלומען;
אין דער אַלטער שוהל, דאָרט וואו די ווייבער זענען,
וועט אַ הייליג שטראַהל איהר בלאַס געזיכט בעשיינען.
דורך די פֿענסטער לייכטען וועלען מיר פֿון אויבען
איהרע צאַרטע בליקען, פֿול מיט טיעפֿען גלויבען.

קיינער וועט נישט זיין, נאָר איך מיט איהר אינאיינעם.
אויפֿגעבונדען מיט אַ ווייטען טרוים אַ שענעם,
וועלען מיר צוזאַמען, ווייט פֿון אַלע מענשען,
בעטען גאָט, ער זאָל די ליעבע אונזערע בענשען.

דוד אײנהאָרן.

* *
*

ווי ווייט דו זאָלסט נישט זיין, וועל איך דיר שיקען גריסען.
דו ביסט די לעצטע, וואָס דערמאָהנט מיר אָן אַ היים.
און אויסער דיר -- וויל קיינער מיך נישט וויסען,
און אויסער דיר – דערמאָהנט מען מיך דאָ קוים.

און זאָל איך וועלען דאָ אָהן דיר אַ ווינקעל האָבען,
און זאָל מיין קאָפּ חוץ דיר דאָ אויפזוכען אַ שויס, —
וויים איך נישט, וואו מיין זיידע ליעגט בעגראָבען,
וויים איך נישט, וואו עס איז מיין טאַטענס הויז.

מיין וועג צוריק צום וויעג איז פול מיט טיעפע גריבער,
און אָבגעבּרענט איז שוין דעם זיידענס שוהל פון לאַנג.
און אויב איך בענק נאָך וואָס — איז עס צו דיר אַריבער.
און אויב איך זינג נאָך ווען — צו דיר איז מיין געזאַנג.

* *
*

געגרייט מיט'ן וואַנדערער־שטעקען דאָ שטעה איך
פערלאָזען. עס פֿרעגט מיך נישט קיינער, וואו געה איך.
און גלייך ווי אַ פֿויגעל, וואָס ציהט זיך צום דרום,
צושפרייט איך צו דיר אין מיין בענקשאַפֿט דעם אָרים
און רוף דיך בעהאַלטען ביי מיר אין מיין זינען:
צו וועל איך געפֿינען?

איך האָב דיינע טריט אויפ'ן גראָז אויפ'ן ווייכען
ביי מיר אין מיין גאָרטען גענומען אַלס צייכען.
וואָס ווייטער, וואָס ווייטער האָב איך זיי פֿערלאָרען...
דאָ שלענגעלט אַ טייכעל, דאָ כוואַליעט זיך קאָרן —
איך שטעה ביז עס הויבען מיר טרערען אָן רינען:
צו וועל איך געפֿינען?

ווער וייס, וואו מיין אונענדליך וועג וועט מיך פֿיהרען,
און בלאָנזענדיג, קאָן איך דיין בילד נאָך פֿערלירען,
און קומענדיג ווען צו דיין שוועל שוין אַ מיעדער,
אַ קראַנקער צו זוכען אַ רוה פֿאַר די גלידער,
וועל איך פֿאַר אַ ווינקעל פֿאַר עסען דיר דינען,
נישט וויסענדיג ועמען. און בלייבען, און פֿרעגען:
צו וועל איך געפֿינען?

* *
*

צו ווייס זי דען, וואו איך דערמאָהן איהר,
צו זעהט זי אין איהר חלום איצט:
אַ שלאָפיגען וואָקזאַל אַ גרויסען,
אַ פוסטען פּאַלאַץ אין דער וועלט;
און מיך לעם איהם אַליין אין דרויסען,
איהר נאָמען שטאַמלענדיג פֿון קעלט.

גלייך ווי אַנ'אָבגעריסען בלעטעל,
וואָס טראָגט זיך זוכענדיג זיין בוים;
גלייך ווי אַ וואַנדערער, וואָס שטאַמעלט
אין וועג דעם נאָמען פֿון זיין היים.

אָ, מאָרגען-רויט פֿון ווייטען מזרח,
דו דרינגסט דאָך אומעדום אַריין,
געפֿין דעם פֿענסטער פֿון מיין ליעבסטע
און ברייגג מיַין גריס איהר מיט דיַין שיַין.

און אויב זי שלאָפֿט — אַ ווייסער פֿאָרהאַנג
פֿערשטעלט איהר פֿענסטעריל געוויס —
דאַן ציטער-אויף אין זיינע פֿאַלבען
און זאָל דער ציטער זיין מיין גריס.

און אפֿשר איז זי וואַך? — איהר באָבע
פֿלעגט אויכ'עט אויפֿשטעהן מיט דיַין ליכט
און פֿון איין אַלטען קרבן מנחה
צו גאָט אַ תּפֿילה אָבגעריכט;

און אפֿשר איז זי איצט מתפּלל
צום טיעפֿען טרויער, וואָס אין מיר.
דאַן גליץ זיך דורך איהרע לאָקען
און שטער די תּפֿילה נישט אין איהר...

אַ חלום.

אַ פֿרעמדע שטאָדט, אַ נעץ פֿון גאַסען,
איך גֶעה און גֶעה און זוך אַ טהיר,
וואָס זאָל מיין שטילען קלאַפּ דערקענען
און זאָל זיך עפֿענען פֿאַר מיר.

איך גֶעה פֿון שטוב צו שטוב אָהן ענדע,
בּיי יעדער בּלייבּט די טהיר פֿערמאַכט;
אָט קלאַפּ איך, דוכט זיך, אין דער לעצטער
און בּעט אַנ׳אָבּרוה אויף דער נאַכט.

איך שטעה און קלאַפּ, עס פאַלען שאָטענס,
עס ציהען וואָלקענס זיך אין הויך,
אַ גאָט, די לעצטע טהיר זי ריהרט זיך...
עס פרעגט אַ פֿרויען־שטים מיר ווייך.

די טהיר זי עפֿענט זיך אינגאַנצען,
עס הילט מיך איין אַ צאַרטעס ליכט,
עס שטעהט ענטקעגען מיין געליעבטע,
אַ שמייכעל שוועבט אויף איהר געזיכט.

אין האַנד האַלט זי אַ ליכט, די צווייטע, —
זי נעהמט אַרום מיין מיעדען קאָפּ.
איך פאַל און קיש דעם שוועל דעם לעצטען
פון לעצטען ווינקעל, וואָס איך האָב.

*　　*

*

געפאַלען איז אויף מיר
אַ שאָטען פון דיין קלייד,
אַ לייכטער זיידען־שאָרף
האָט אויפגעדריקט מיין האַרץ.
איך שטעה אַליין און האָרך,
מיין זעל געהט אוים פון פרייד,
און עמיץ סוד'עט מיר:
זי געהט, זי געהט, זי געהט!...

אָט הער איך דיינע טריט,
אָט דוכֿט מיר, דיינס אַ האַנד
בּעריהרט מיין בּרעם, און גלעט
און מאַכֿט דאָס אויג מיר צו;
איך הער דייַן צאַרטע שטים,
זי זינגט, זי קושט, זי רעדט —
און טיעף און טיעף אין מיר
וואַקסט אויס אַ שטיל געבּעט...

זכר ת.

אַ קליינע שטוב. ביים ברעג פֿון שטאָדט
אַנ'אַלטער בוים פֿון באַרען,
וואָס האָט שוין שטיל הכנעה'דיג
פֿאַר זיך געגומען דאַרען.

אַ באַנק פֿון גראָז און שטרויכען צוויי
פֿערהילט אין ווייסע בליטהען;
אַ גרינער טאָל מיט פֿרישען היי
און מיט אַ טייך אין מיטען.

אָט שפּרייט זיךְ אוֹיס, פֿון גאָלד געוועבט,
אַ ליכֿטיגער פֿריהמאָרגען;
דאָס הייזעל רוהט מיט גרינס בעדעקט
און קוקט אַרויס אָהן זאָרגען.

אָט זעה איךְ דאָרט אַ פֿענסטער׳ל,
אַ שטיקעל בלאָהער הימעל;
אין גרינס געפֿאַסט און שטיל בעהויכֿט
מיט שאָטענס פֿון אַ דרימעל.

איךְ וויים דעם אָרט, דעם גליקליךְ אָרט,
וואָס איךְ האָב שוין פֿערלאָרען;
דאָס איז די היים, די שטילע היים
פֿון מיינע יונגע יאָהרען.

דאָס איז דאָס לאַנד. דאָס טרוֹימען=לאַנד,
וואו איךְ פֿלעג אין מיין יוגענד
ביי יעדען שטראַהל אַ ברודער זיין,
ביי יעדער בלום אַ קרובֿ;

ר ו ד א ײ נ ה א ָ ר ן.

דערגרייכט דעם הימעל מיט'ן האַנד,
געשמועסט מיט די שטערען;
און אין די שטילע פֿריהלינגס=נעכט
פֿלעג איך דעם וועלט=גאַנג הערען.

די שפּראַך פֿון יעדען גרעזעלע
האָב איך דאַן גוט פֿערשטאַנען;
דעם וועג פֿון יעדען ווינד געוואוסט,
וואוהין ער געהט פֿון וואַנען.

געהאַט האָט דאַן פֿאַר מיר אַ זין
דאָס אַליץ, וואָס האָט קיין ענדע;
דער סוד פֿון בלום, דער הימעלס=רוים
געוועזן איז איין לעגענדע.

דאָס איז דאָך מײַן טרוימען=לאַנד,
דעם זיידענס שטוב די קליינע.
געוויזען האָט דאָס פֿענסטערל
מיר דאַן אַ וועלט אַ שעהנע.

מיר איז בעקאַנט געוועזן אַלץ,
קיין זאַך נישט פֿרעמד פֿון ווייטען;
דער שעפֿער פֿון דער גאַנצער וועלט
פֿלעגט פֿאַר מיין קליינעם פֿענסטערל
אין זיין מרכּבֿה רייטען.

אין וועג.

זונען=גאָלד און הימעל=זיידענס,
סאַמעט=גראָז אין וואַלד=געצעלטען;
וואו אַ בּוים — אַ היימליך ווינקעל,
פֿול מיט גלאַנץ פֿון טויזענד וועלטען.

ניין, מיין מזל ווייכּט פֿון רוהע,
וויים נור שטעדט פֿון שטיין און אַייזען;
זומער=נאַכט אויף פֿעלדער תּבֿואה
קאָן שוין מיר מיין טרוים נישט וויזען.

וויט איז אַלץ — די ערד, דער הימעל.
אַלץ אָהן ענדע, אַלץ אָהן בּרעגען,
ווער איך מיעד, — דאַן קומט דער דרימעל
און פֿערוויגט אויף ווייטע וועגען!...

צווישען די זאַנגען.

צווישען די זאַנגען,
פֿון טרויער געפֿאַנגען,
זוך איך אַ שטעגעל, וואָס פֿיהרט צו אַ היים.
די זון איז פֿערגאַנגען...
עס טראָגען זיך קלאַנגען
פֿון קלויסטער צו מיר,
און זאָגען:
„בּיי אונז איז אַ היימאַט פֿאַר דיר...

„עס שטעהט אונזער טורעם,
בעשיצט פון אַ שטורעם,
מיט דעמבעס אוראַלטע,
וואָס היטען זיין רוה.
מיר וועלען דיך וויעגען,
אויף גראָז וועסטו ליעגען,
עס וועט אונזער נגון
דיר וועבען דעם חלום
פון אייביגער רוה...“

די קלאַנגען זיי זענען געוואָרען ענטשוויגען;
איך זעה נור דעם גאָלדענעם צלם פון טאָל.
ער פינקעלט אין פורפור
און ברענט ווי אַ פלאַקער
און שפּריצט אויף די בוימער מיט בלוט און מיט שטאָל.
אָט, דוכט מיר, אין שאָטענס, צווישען די שטאַמען
שטעהט־אויף מיט'ן פינקלענדען נעבעל צוזאַמען
אַ גרייז־גראָהער מאַן מיט אַ שטעקען אין האַנד.
די אויגען פול טרערען, מיט בלוט אויפ'ן שטערען,
איין האַנד אין דער לופטען, ווי זי וואָלט זיך זעהרען,

ענטקעגען דער ווייסער, דער קלויסטרישער וואַנד.
אָט עפֿענט זיך, דוכט מיר, דער טויער פֿון קלויסטער,
פֿון ווייטען בעווייזען זיך רייטער אויף פֿערד,
אַ פֿריהער רייט איינער, פֿערוויקעלט אין שוואַרצען,
עס פֿלאַמט ווי אַ פֿאַקעל זיין שטאָלענעס שווערד.
עס טראָגען זיך טענער פֿון אָרגעל.

דער רייטער

דערנעהנט זיך צום אַלטען, וואָס ציטערט פֿאַר שרעק.
עס וואַרפֿט די לבֿנה איהר זילבערנעם אָבגלאַנץ
און ווייזט איהם צווישען די שטאַמען דעם וועג.

עס טראָגען זיך טענער, עס צינדען זיך ליכטער,
עס פֿלאַמען די פֿענסטער פֿון קלויסטער אַרום.
אָט הויבט ער, דער שוואַרצער, זיין שווערד אויפֿ'ן אַלטען,
דער אַלטער ווערט שטאָלצער, פֿערגליווערט און שטום.
עס שלייכען מאָנאַכען פֿערוויקעלט אין ווייסען,
עס ציהען זיך מאָגערע פֿינגער און רייסען
אונשולדיגע ליליען פֿון טויאיגען גראָז.
דאָס שווערד האָט דערגרייכט ביז'ן ברוסט פֿון דעם אַלטען,
עס רוקט זיך זיין ברוסט צו דעם שאַרף צו דעם קאַלטען.

דוד איינהאָרן.

די ליפּען זיי פלוכען דעם שוואַרצענס געבאָט.
עס שימערט דאָס בלוט אויף די ליליען די ווייסע,
עס ציטערט דער קלויסטער פון לעצטען „אחד!“

———

די נאַכט איז אַראָב
און פערלאָשען די שטראַהלען, —
דאָס בילד איז פערשוואונדען.
נעב׳ן מיר אויף אַ זאַנג
האָט שטיל זיך צופּינקעלט אַ טראָפּען אַ קלאָהרער
און קוקט אויף מיר עלענד, און קוקט אויף מיר באַנג.
און ערגעץ פון ווייטען דערגרייכט מיר אַ בת קול
אַזוי ווי אַנ׳עכאָ... מיר דוכט, אַז איך הער:
זוך ווייטער דיין היימאַטה;
נישט דאָ וועסטו רוהען,
וואו ס׳טראָגען זיך תּפילות
ביים גלאַנץ פון געוועהר,
וואו יעטוועדער קלאַנג איז דיין ליידענס אַ קללה
און יעטוועדער טראָפּען — דיין ליידענס אַ טרעהר.

אַ תפילה.

אָ, גרויסער גאָט!
איך בעט דאָך אַזוי ווינציג,
ווי קליין עס איז און נישטיג מיין בעגעהר:
אַ קבֿר גיב מיר נור,
וואו איך זאָל רוהיג ליעגען
און פֿאַלען זאָל אויף איהם
מיין אייגען קינדס אַ טרעהר.

און וויסען זאָל איך, ווען איך וועל מיין אויג פֿערמאַכֿען,
אַז אונטער יענעם בוים, וואָס וועט מיין רוה בעשיצען,

וועט אין אַ זומער־טאָג אַ אוראייניקעל זיצען,
און לעזען שטיל פון מיין מצבה־שטיין,
דעם נוכח דאָרט געקריצט אין שפראַך פון מיינע אָבות.
און לעזענדיג, די ווערטער כאָטש פערשטעהן.
ניין!
איך דאַרף נישט דיינע הימלען...
אויב זיין אַ שאָטען איז מיר דאָ בעשערט,
נעם צו בײַ מיר די אייביגקייט פון אויבען
און שענק מיר דאָ
אַ ווינקעל אויף דער ערד.
דאָס איז די ערגסטע שטראָף:
צו שטאַרבען אויף די וועגען —
נישט וויסען, וועלכע פוס
וועט טרעטען אויפ'ן אָרט,
וואו ליעגען וועט מיין קאָפּ
און שוועבען מיינע טרוימען,
וואו אָבקלינגען אין לופט
וועט שטיל מיין לעצטעס וואָרט.

*

*   *

יעדער מענש האָט דאָך אין הימעל זיין שטערן,
יעדען איז אונטען זיין וויגעל בעשערט.
פאַלען־צו שאָטענס — דאַן טרייסט איהם דער הימעל,
ציהען זיך וואָלקענס, פערהייעגט איהם די ערד.

בלאָנדזעט ער — פרעגט ער דעם וועג ביי די שטערן
ווערט ער פערמאַטערט, דאַן זוכט ער זיין וויג,
מעהר נישט איך איינער האָב בידען פערלאָרען,
בידע בעשיצער פון מענשליכען גליק.

אומזיסט הויב איך אויף מיינע אויגען צום הימעל,
אומזיסט זוך איך רוה אינ׳ם בלעטער־געראויש;
אויביג וועט בלייבען מיין וויג אָהן אַ שטערן,
אויביג וועט בלייבען מיין קאָפּ אָהן אַ שוים.

פאַר אַ מאָנאַסטיר.

הויכע, ווייסע ווענד און קליינע שטילע פענסטער,
ערטערווייז מיט פאָרהאַנגען פון גרינס פערשטעלט;
אַ צאַרטער ראָזער שיין, אַ מילדער ווינד פון אָוועגד —
דאָס איז פון טרויס און רוה דער אייביגער געצעלט.

אָט פלאַמט אין יעדער פענסטער אויף אַ קליינעם ליכטעל
און אויף די בוימער פליסט דורך זיי אַ שטיל געבעט;
עס ציטערט אויף אַ גלאָק און שיקט אַ גרוס די פעלדער
און ס'דוכט מיר, אַ מאָנאַך שטעהט אויף פאַר מיר און רעדט:

אַלע, אַלע ערטער האָבּען מיר פֿערנומען,
אַלע וועגען האָבּען מיר פֿערשטעלט פֿאַר דיר...
דו וועסט מוזען, ליעבּער, דו וועסט מוזען קומען,
ווי אַוואַנדרער — קלאַפּען שטיל אין אונזער טהיר.

ווען דו וועסט פֿערלירען דאָרט דעם לעצטען ווינקעל
און קיין בּליק וועט מעהר נישט גלעטען דיין געזיכט,
דאַן וועסטו אין אונזער פֿענסטער זעהן אַפֿינקעל,
אין דיין צעלע וועט זיך אָנצינדען אַליכט.

קיינער, קיינער וועט נישט שטערען דיר דיין רוהע,
מעהר נישט ווי די גרינע בּוימער רוישען דאָ.
דורכ'ן פֿענסטער וועסטו זעהן נור פֿעלדער תּבוּאה
און דעם אונבּעגרענצטען טיעפֿען הימעלס בּלאָה.

דו וועסט אַלץ פֿערגעסען, דיינע טרוימען וועלען
פֿון דיין פֿאָלק דעם חורבּן נישט בּעווייזען מעהר;
אַ פֿערוועלקטע ליליע אין אַ כּוס מיט וואַסער
וועט בּשעת דיין תּפילה אַיינזאַפּען דיין טרעהר.

דוד איינהאָרן.

אַ וויעג=ליעד.

אַליע=ליוליע, אַליע=ליוליע —
שלאָף, מיין טייערער, אין רוה;
וואויל איז דעם, וואָס האָט אַ מאַמען
און אַ וויגעלע דערצו.

אַלעס קאָן מען נאָך געפינען,
אַלעס קריגט מען דאָך פאַר געלד;
נאָר אַ מאַמע — זי איז איינע,
מעהר נישט איינע אויף דער וועלט.

דאָס איז דאָך אַ גאָטס מתּנה,
וועמען עס איז נור בּעשערט.
וועה איז דעם, וואָס האָט קיין מאַמען
אויף דער גרויסער וויסטער ערד!...

אַליע־ליוליע, אַליע־ליוליע —
ווי דער צער זאָל זיין נישט גרויס,
תּמיד קאָן מען איהם פֿערוויגען
אין דער מאַמעס שטילען שויס.

אַליע־ליוליע, אַליע־ליוליע —
ווי די זינד זאָל זיין נישט שווער,
אָבוואַשען וועט תּמיד קענען
זי דער מאַמעס ריינע טרעהר.

שלאָף, מיין טייערער, מיין ליעבער,
מאַך די אויגען צו און רוה!...
וואויל איז דעם, וואָס האָט אַ מאַמען:
אַליע־ליוליע־לויליע־ליו!...

בטחון.

אַ שטילע נאַכט.
אַ שטערען פֿאַלט
פֿון הימעל טיעף
און ווערט נישט באַלד...
איך הויב מיין אויג
און נויג מיין קאָפּ;
מיין היטער וואַכט
און היט מיך אָב;

מיין היטער וואַלט,
מיין היטער וואַלט...
און שיקט זיין גרוס
מיר דורך דער נאַכט.

דער וועג איז ווייט
און איך בין מיעד;
די שטילע נאַכט,
זי זינגט איהר ליעד.

פערטרוי דיין קאָפּ
מיין שטילען שויס
און שלאָף, און שלאָף,
אויף מאָרגען האָף:
דיין וועג צום סוף
איז ווייט און גרויס...

די כאושעלקע.

אויס די ליטווישע מאָטיוועָן.

אין שויס פֿון פֿערטרויערטע פֿעלדער, וואָס ציהען זיך ווייט אָהן אַנ׳ענדע,
בעהאַלט זיך אַ סאַזשעלקע איינזאַם, בעוועבט מיט אַ שטילע לעגענדע;
עס ציטערט קיין איינציגער קנייצעל בײַ איהר אויפֿ׳ן שפּיגעל דעם בלאָהען,
און ס׳היט איהר אַנ׳איינזאַמע ווערבע, פֿערהילט אין אַ נעבעל אַ גראָהען.

עס היט זי די ווערבע און וויינט, דורך די בלעטער בעהאַלטען, מיט טרערען,
וואָס קאַפּען אַראָב און צעשפּרייטען אַ זילבערנעם קרייז אויפֿ׳ן וואַסער,
און ווען עס קומט אָן שטיל די נאַכט און צושפּרייט איהרע פֿינסטערע שאָטענס
דאַן געהט אויף אין דונקעלען הימעל און היט איהר אַ שטערען אַ בלאַסער.

און צייטען פֿערגעהען און קומען, עס בייטען די פֿעלדער דעם צודעק;
דאָ רוהט זי אַזוי ווי אַ שטיקעל קריסטאָל אויף אַ סאַמעט אַ גרינעם,
דאָ שלאָפֿט זי אַזוי, ווי אַ שפּיגעל פֿערלאָרען צווישען די קאָרן,
דאָ קוקט זי אַרויס פֿון בריליאַנטען בעדעקט מיט אַ זילבער אַ דינעם.

און צייטען פֿערגעהען און קומען, נור אייביג בלייבט רוהיג איהר שפּיגעל,
עס שמערט נישט קיין איינציגער עכאָ דעם טיעפֿען פֿער־חלום׳טען שווייגען;
נור אָפּטמאָל נעהמט דורך ווי אַ ציטער די הויכע פֿערקלעהרטע אַאירען,
און כ׳הויבט אויף דער ווערבע געהיים זיך צו ריהרען די איינזאַמע צווייגען.

אויס דעם ציקל לעגענדען.

פּ ר אָ ל אָ ג.

דאָס זענען טייערע, די זייד־געוועבטע,
די ווייסע העמדעלעך, מיט בלוט בעפֿלעקט;
די שטילע מעשׂיות פֿון מיין בלאַסער שוועסטער,
וואָס האָבען תמיד מיך פֿון שלאָף געוועקט.

זיי פֿלעגען מחנות־ווייז אַרום מיין וויגעל
בעוואַכען, שוועבענדיג, אין שטיל געוויין;
און, פֿאַלענדיג מיט איהר פֿערבלוטיגט פֿליגעל,
צוקאָפּענס פֿלעגט ביי מיר די שכינה שטעהן.

אין לאַנגע ווינטער־נעכט, אין גרויסען שווייגען,
בשעת עס יאָמערט נור דער ווינד אין גאַס,
אין נעכט פון פריהלינג, ווען די יונגע צווייגען
דערצעהלען, וויגען זיך, פון טויען נאַס.

ווי זומער־פייגעלעך, פון אלע פארבען,
בעפאַלען אָבענד־צייט אַרום אַ ליכט,
גע'סוד'עט האָבען זיי: „נישט לאָז אונז שטאַרבען!"
און שטיל געטוליעט זיך צו מיין געזיכט.

דער שוועסטער'ס מעשה'לעך, דער קלאַנג פון קלויסטער,
דאָס יאָהרצייט־פלעמעל אין דער אַלטער שוהל,
די אַלע עדות פון מיליאָנען לעבענס —
מיט גייסטער פלעגען זיי מיך מאַכען פול

און בין־השמשות־צייט, ווען מתים וואַכען
און קליינע קינדער הערען פרעמדע טריט
און טהירען נעהמען זיך אַליין פערמאַכען, —
בעפאַלען פלעגען זיי דאַן מיין געמיט.

א) עלילת דם.

I

נאַכט און שטערען און דאָס רוישען
פֿון אַ ווייטען קוואַל אויף שטיינער;
גרינע ווענד פֿון בלעטער פֿייכטע,
און דעם ווינטעלס טריט די לייכטע
אויף די שפּיצען פֿון די בוימער...
אַ געשלענגעלט'וועג.... אַ גאָלד'נער
צו אַ טיר, מיט מעש בעשלאָגען;
איבער איהר אַ בילד אַ היילינגס,
קוים בעלויכטען מיט אַ לעמפּעל,
אין דעם שאָטען פֿון אַ גרויסען

און אַנ'אַלטען, גראָהען טעמפּעל.

נאַכט און שטערען. אין דעם שוואַרצען
אָפּגרונד פון די אַלטע דעמבעס
פינקלען־אויף אין טוי פון אָבענד,
בלעטער גרינע, רויט בעזוימטע.
ביי אַ פאַקעל־גלאַנץ אַ ווייטען,
אין אַ ווינקעל שטיל בעהאַלטען,
סוד'ען זיך אין פריהלינגס־שווייגען
אַ מאָנאַך און צוויי געשטאַלטען...
— אַלץ איז צוגעגרייט?
— דער בעכער
מיט דעם בלוט איז דאָרטען, פאָטער...
— נאָר געדענקט... דער קלענסטער פעהלער!...
— זאָל דער פייכטער קלויסטער־קעלער
אונז פערשלינגען, אויב מיר ווילען....
— מאָרגען ווען דער גלאָק וועט קלינגען?
— זייט געזיכערט אויף די מענשען...
— בענש אונז, פאָטער!
— געהט אין פרידען! —

אַיך וועט שוין דער הימעל בענשען...

— — — — — — — — — —

אויסגעלאָשען איז דער פֿאַקעל...
ווידער שאָטענס, ווידער שטערען...
אין דעם פֿייכטען גראָז דעם ווייכען
קאָן מען קוים די טריט דערהערען...

II

די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען.
עס צאַנקט נאָך אין מערבֿ איהר שיין.
בעגלייט פֿון דריי גאָלדענע שטערען,
איז רוהיג דער יום טובֿ אַריין.
עס לייכטען די פֿענסטער אין געטא,
די טישען — זיי שטעהען געגרייט;
און שטיל אינ'ם קלויסטער דעם אַלטען
בעהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

די נאַכט קומט אַלין נעהנטער און נעהנטער.
עס ברענען די הייליגע ליכט.

אין יעטוועדער שטוב שטעהט אַ מאַמע,
פֿערדעקט מיט די הענד איהר געזיכֿט.
עס רינען פֿערלאָזענע טרערען
און ווערען אין געטא צושפּרייט.
און שטיל אינ'ם קלויסטער דעם אַלטען
בעהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

די טרערען זיי ווערען פֿערשוואונדען.
דער בעכֿער איז, דוכֿט זיך, שוין פֿול.
עס שטעהען די קינדער און וואַרטען,
דער טאַטע זאָל קומען פֿון שוהל.
די פּנים'לעך לייכֿטען פֿון שמחה, —
אין בגדים אין נייע געקליידט —
און שטיל אינ'ם קלויסטער דעם אַלטען
בעהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

פֿון שניי איז נאָך ווייסער דער טישטוך,
עס ווינקט פֿון די כּוסות דער וויין.
עס דוכֿט זיך, אַז אייביג, אַז אייביג
וועט רוהיג און ליכֿטיג־דאָ זיין;

עס דוכֿט זיך, אַז אַלין איז פֿערגעסען,
פֿערשוואונדען די אייביגע לייד....
נאָר שטיל אינ'ם קלויסטער דעם אַלטען
בּעהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

אָט גנבֿ'עט זיך איצטער פֿון דאָרטען
אַ מענשעל מיט אַייליגע טריט,
בּעהאַלטען צווישען די בּוימער,
פֿון אויגען פֿון פֿרעמדע געהיט.
אָט קומט ער שוין נעהנטער צום געטא,
עס הערט זיך פֿון קלויסטער אַ קלאַנג...
דער טויט האָט פֿערלאָזען זיין ווינקעל
און גנבֿ'עט זיך שטיל, ווי אַ שלאַנג...

III

פֿול די שוהל: די לייכֿטער בּרענען.
און אין די פֿענסטער קוקט די נאַכֿט...
עס שטעהט דער עולם שמונה=עשׂרה
און האַלט די אויגען צוגעמאַכֿט...

עס ציטערט יעדערען אין האַרצען
אַ שטראַהל פֿון פֿרייד און שטילען רוה,
פֿערטיעפֿט איז יעדער אין זיין תּפֿילה
און זעהט נישט ווי די שרעק קומט צו.

עס זעהט נישט קיינער, ווי בעהאַלטען
אַנ׳אורח איז אין שוהל אַריין
און אין אַ ווינקעל, ווי אַ גנבֿ,
פֿערשטעלט, פֿערדעקט זיך פֿון דער שיין;
ווי שלעפֿט עס פֿינקלען זיינע אויגען,
ווי בייז עס שלענגעלט זיך אַרום
די ליפּען, שטיל, אַ לייכטער שמייכעל
און ווערט פֿערשוואונדען נאָכדעם שטום.

אָט ענדיגט זיך שוין באַלד די תּפֿילה.
עס וואַרט דער חזן אויפֿ׳ן רבֿ,
וואָס שטעהט אין מזרח, ווי פֿערגליווערט,
גלייך ווי פֿערזונקען אין אַ שלאָף.
נאָר צייטענווייז לויפֿט דורך אַ ציטער
זיין שוואַרצע קאַפּאָטע פֿון זייד

און ס'רינט אַ טרעהר אויף זיינע באַקען,
וואָס זענען ווייסער נאָך פון קרייד.

עס שטעהט דער רבֿ און זעהט נישט קיינעם.
בעהערשט האָט איהם אַ שלאָף געהיים.
און שטיל צושפּרייט פאַר זיינע אויגען
האָט זיך אַ מורא'דיגער טרוים.

ער זעהט: די שוהל, זי שטעהט אין פלאַמען
און פול מיט אידען ביז'ן טהיר
און קיינער קאָן קיין וועג געפינען,
אום זיך צו ראַטעווען פון איהר...
עס הערט זיך שרעקליכע געשרייען....
אָט זעהט ער, ווי דער דאַך — ער פאַלט.
נאָר פלוצלינג האָט אַ שטראַהל אַ ווייסער
די אויגען זיינע ווי בעשטראַהלט.

און צו זיין אויער איז דערגאַנגען
אַ קול, וואָס האָט איהם שטיל געזאָגט:
-- עס דרעמעלט נישט און שלאָפט דער היטער

פֿון די, וואָס זענען דאָ פֿעריאָגט.
און אויפֿגעמאַכֿט האָט ער די אויגען.
און פּלוצלינג!... גרויסער גאָט!... אָ, גאָט!....
פֿון גאַס דערנעהנטערט זיך אַ טומעל,
אַ שרעק פֿאַלט אויפֿ'ן עולם אָן.
עס קומט אַליץ נעהנטער צו אַ בייזער קלאַנג פֿון שווערדען.
און שווערע טריט... אַ הויכער קלויסטערשער געזאַנג...
עס ברעכט זיך אויף די טהיר... אַ מענגע שוואַרצע מאַסקעס...
פֿאָראויס אַ גלח מיט אַ צלם אין דער האַנד...
דערשראָקען שיינט דאָס ליכט אין שפּיגעל פֿון די קאַסקעס;

עס וואַרפֿט אַ בייזען גלאַנץ דאָס בלאַנקע מעש פֿון זיי...
אַ שטיל פֿערשטיקטער „אוי“ —
פֿערגליווערטע געזיכטער...
עס לעשען זיך די ליכט;
דער שאָטען ווערט געדיכטער...
דער גלח נעהענט זיך מיט פֿעסטע טריט אַהין,
וואו ס'שטעהט דער ארון קודש, שטאָלץ פֿערהילט אין סודות,
און פּלוצלינג שניידט די שטילקייט דורך אַ פֿרעכע שטים...
עס וואַקסט נעבען גלח אוים דער אײַנגעהילטער אורח,

עס ציהט זיך צום פּרכת אויס אַ דאַרע האַנד,
אַזוי ווי די וואָלט גרייט געווען צו זאָגען עדות.
אין פּיקלינגען הויך די ווערטער שאַרף, מיט וואוט:
— אָט דאָרטען, דאָרטען שטעהט דער בּעכער מיט דעם בּלוט...

— — — — — — — — — —

שאַ... פּרוהט זיך דער פּרכת איבּן ארון;
עס מורמעלט יעדערער אַ תּפלה פֿאַר זיך שטיל:
אָ גרויסער גאָט... ניט לאָז אונז געהן פֿערלאָרען...
וועמעס האַנד — אָ וואונדער! — עפענט בּיידע טירען?
וועמעס ליכט בּעלייכט די ספרי תורות דאָרט?
עס שטעהט דער עולם ווי פֿערגליווערט פֿון דעם וואונדער...
קיינער וואַגט זיך ניט צו ריהרען פֿון זיין אָרט.

— — — — — — — — — — —

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם מאַכען אויף זיך בּיידע טירלעך פֿון דעם ארון,
ווי די טויערען, וואָס פֿיהרען אין דער אייבּיגקייט אַריין,
און אין אינמיטען פֿון די שאָטענס, וואו די ספרי תורות רוהען,
פֿלאַמט אַ ליכטעל אויף אַ קליינע און צעשפּרייט אַ געלען שיין,
פֿלאַמט אַ ליכטעל אויף אַ קליינע
נעבען בּעכער פֿול מיט בּלוט,
ציטערט אין זיין רויטען שפּיגעל,

אויף אַ רגע נישט גערוהט;
ציטערט, ציטערט, ציטערט, ציטערט...
און פֿון בימה הויבט זיך אויף,
ווי אַ זייל, אַ ייד אַן אַלטער,
און צום ארון שטייגט ער אויף; —
ד׳באָרד, ווי זילבער ווייס און זויבער,
ווי אַ שטראַהל איז יעדעס האָר,
און די איגען פול מיט צויבער,
און דער שטערן הויך און קלאָר;
אײַנגעוויקעלט אין אַ קיטעל,
מיט אַ פֿעל=גורט אויף די לענדען...
אָ, דאָס איז דער אַלטער נביא
פֿון די הייליגע לעגענדען...
אָט אָ נעהמט ער אָן דעם בעכער,
הויבט איהם העכער, העכער, העכער...
מאַכט אַ ברכה אויף דאָס בלוט...
און דאָס בלוט הויבט אָן צו זידען...
ווערט אין קלאָרען ווייַן פֿערביטען,
און דער וויין הויבט אָן צו פֿינקלען
אין פערשיידענע קאָליאָרען,

און, ווי דורך אַ בלייַן דערשלאָגען,
פאַלט דער אורח געגען ארון,
און דער גאַנצער צויבער, פלוצלינג,
ווערט אין שיין פון ליכט פערלאָרען.

IV

מענשען־פיער, אַ טראָג־בעטיל אַ שוואַרצע,
איך איהר אַ מת פערוויקעלט אין אַ טוך;
אַ נאַכט פון אומרוה אָטעמט איפּן שול־הויף,
עס ציהט דעם אָטעם עמיין שווער אין איהם.
עס טראָגט זיך דורך אַ פלוך. —
דער קלויסטער, וואָס ניט ווייט, הויבט לאַנגזאַם אָן צו קלינגען.
די טראָג־בעטיל גערט אָב און נעהענט זיך צו איהם.
עס מאַכט זיך אויף אַ טיר, עס צינדט זיך אָן אַ פענסטער,
אַנטקעגען עפענט זיך אַ צווייטע טיר געהיים.
עס פרעגט אַ שטים:
— דאָס האָט מען איהם געטראָגען?..
עס ענטפערט ווער: „פערשאָלטען זאָל ער זיין".

יודישע עלעגיעס.

I

אַ צער פון טויזענד דורות ליגט אויף מיר;
די גרויסע פיין געשטעמפעלט האָט מיין שטערן.
מיין טייערע, ווער ווייס, צו איך וועל ווען
דעם שופר פֿון מיין אויסלייזונג דערהערען?

מיין טייערע, איך ווייס ניט, וואָס איז שווער,
צו הבל׳ס טויט, צו קין׳ס לאַנגער לעבען, —
נאָר מיך בעשטראָפט אין צווייען האָט מיין גאָט:
ער האָט דעם צער פון ביידען מיר געגעבען.

אַליין בין איך פון אַלעמען פֿערשעמט
און טראָג אויף זיך די זינד פון אַלע מענשען —
וואו נעהמט מען, זאָג, די כחות פון אַמאָל:
אין פייער געהן — און גאָט פֿון דאָרטען בענשען?

II

פאָראויס איז גאָר נישטאָ, דער וועג וועט זיין אונענדליך...
בעהאַלט זיך ערגיץ וואו, און גיב זיך אָב דיין טרוים.
נישט וואַרט אויף איהם, מיין פריינד, ער וועט צו אונז נישט קומען—
דערשלאָגען ליגט ער ביי די טויערן פון הוים.

נישטאָ קיין רחמים מעהר; דער הימעל איז פערשלאָסען:
די שכינה איז אַוועק, געלאָזען אונז אַליין.
און גרויס איז אונזער צער, ער שטייגט אַריבער וועלטען,
און מיר, מיר זענען מעהר אַנטקעגען איהם אַזוי קליין.

דער ייִדע איז שוין טויט, די ליכט אין שול פערלאָשען,
די לעצטע אויג פאַרמאַכט, די לעצטע וואַנט צעשטערט.
איין טרייסט איז נאָך פאַרהאַן: עס וועט מיט אונז צוזאַמען
אויך אונטערגעהן די לעצטע גאולה פון דער ערד.

משיח.

עס קלינגען די קייטען בײַם טויער פֿון רוים —
דאָרט זיצט ער מיט אָפֿענע וואונדען.
זיי וועהטאָגען, קינד מיינס, מיט אונזערע לייד,
און ווערען נישט קיינמאָל פֿערבונדען.

און מידענדער יאָהרען פערגעהען אַזוי
און שטילע יסורים ביים טויער.
און טיעף אין איהם קלייבט זיך דער אייביגער וועה,
און ס'וואַקסט אַלץ דער אייביגער טרויער.

נאָר תשעה באב, ווען עס קומט האַלבע נאַכט,
און פול ווערט מיט רחמים דער הימעל,
דאַן פאַלען צוויי שטערען אַראָב, און ער ווערט
בעהויגט אין אַ הייליגען דרימעל.

דאַן נידערט די שכינה אַראָב אויף זיין קאָפּ
און קושט איהם מיט ליעבע אין שטערן,
און טרייסט איהם און ווייזט איהם די גאולה אין טרוים,
און ווייגט מיט בעהאַלטענע טרערען.

אַקאָרד.

מסתמא, טייערע, דאַרף זיין אַזוי...
מסתמא, טייערע, דאַרף זיין אַזוי...
די ליעבע היילינט זיך אין שטילען וועה,
די ליעבע לייטערט זיך, ווערט קלאָר ווי שניי —
מסתמא, טייערע, דאַרף זיין אַזוי...

בעהאַלט, מיין טייערע, דיין שטילע טרער...
בעהאַלט, מיין טייערע, דיין שטילע טרער.
זי איז אַ באַלזאַם פאַר אַ האַרץ אַ שווער,
זי איז די שענסטע פעריל פונ'ם טיעפּסטעם מער,
בעהאַלט, מיין טייערע, דיין שטילע טרער...

אינהאלט.

מיין ליעד איז געפאַנגען... 3
מיר וועלען פערבלייבען אין שול. 4
געשטאָרבען דער לעצטער בעל-תפלה. 6
וואו זאל איך בעטען? 8
ווען דו וועסט אַוועקגעהן— 10
ווי ווייט דו זאָלסט ניט זיין 12
געגריסט מיט'ן וואַ דרערער-שטעקען. 13
צי ווייס זי דען... 14
אַ חלום. 16
געפאַלען איז אויף מיר דער שאָטען פון דיין קלייד 18
זכרונות 20
אין וועג. 21
צווישען די זאַנגען. 25
אַ תפלה. 29
יעדער מענש האָט ראָך אין הימעל זיין שטערן. 31
פאַר אַ מאָנאַסטיר. 32
אַ וויגליעד. 34

בטחון.	36
די סאַזשעלקע.	38
אוים דעם ציקל לעגענדען.	39
יודישע עלעגיעם I	52
" " II	53
משיח.	54
אקארד.	55

ווילנער פערלאג

ב. א. קלעצקין

ПЕРЕПЛ. Б. ДЕРЧАНСКАГО